NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05790

AVREMELE BALEGOLE

H.D. Gildenblatt

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

150.24.8

ח. ד. גילדענבלאטט.

אברהמ'עלע בעל עגלה

איין

קליינע ערצאהלונג

ווילנא

שנת תרנ"ה לפ"ק

Авромеле балъ агола.

Аврюмеле извощикъ.

Разсказъ Д. I. Гильденблата.

1895.

Дозволено цензурою 19 декабря 1894 г.—Вильна.

ВИЛЬНА.
Типографія Розенкранца и Шрифтзетцера,
на Лидскомъ пер., д. № 2558/13
1895.

1.

וועמער אין סוראוויאווקע קאנן ניט אברהם'עלע דעם בעל עגלה?

יא, רבותי, דער הויפט פארשיין פון דיעזען קורצען ערצאהלונג איז ניכט מעהר, ווי א בעל עגלה, אונ כאטש איהר מעגט ווי וויים אין בויך זיך פער רוקען ביים קאסע אויבענאן, דאך שאדט ניט, כ'לעבען, בעטראכטען וועמער פיהרט עס אונז... עס שאדט ניט, כ'לעבען, אריין קוקען אין דער בעל עגלה'שע וועלטעל, וועלכע איז פאר זיך אליין א בעזונדער וועלטעל מיט איהרע וועגען, לבנות אונ שטערען...

קיין פיעל רייד אויף פאר צעשטעלען זיך האט אברהם'עלע ניט געדארפט, ווען א-נ-אום בעקאנטער האט איהם א פראג געטהון וועמער ער איז, האט ער קורץ אונ טרוקען שטיל געענטפערט: „אברהם'לע בעל עגלה" בין איך. די קורצע תשובה איז שוין גענוג געוועזען. אונ באמת אין סוראוויאווקע אונ איהר גאנצער סביבה, וועמער האט ניט געקאנט אברהם'עלע דעם בעל עגלה?

האבען צום שטאדט-פריין געדארפט קומען געסט, האט ער באלד געשיקט נאך אברהמ'עלען, און דער לעטצטער האט באלד איין געשפאנט זיינע צווי אויס געפוצטע פפערדלאך, און געארבעט מיט אללע כלים צום אהן בריינגען די געסט אין דער בעשטיממטע מינוט. האט א חסיד צום רבי'ן געדארפט קומען, איז ער נאר מיט אברהמ'עלען געפאהרען. האט וועלכער שטאדט יוד געדארפט פאהרען, אדער א נייטהיגען ברית, געלד און סחורה פון באהן אראפ נעמען, האט ער זיך גלייך צו אברהמ'עלען געווענדעט, און דיין וואונש איז פינקטליך ערפיעלט געווארען, און וואגאר דער רבי אליין, ווי אויך זיינע אללע קינדער, איידים און שניר, האבען ביי איהם, ביי אברהמ'עלען, וויא ער אליין רעדט עס אויס, די מכבד עגלה געלעהרענט, און ס'האט געמאנט זיין ווי הארב, איז עס אלין אראפ גלאט ווי א מזמור.

ווי ס'איז נאר געווארען טאג, ק'האט געמאנט זיין דער גראבסטער פראסט, ווינד, שנעה, וויא און רעגען, האט אברהמ'עלע אלס איינגעשפאנט זיינע צווי פפערדלאך. צוזאמען געקליבען זיינע פארשיידענע (פאסאזירען.) און מיט א תולער בויד געמאכט. פאר'ש קיין שאנעווין צום באנהאף, האט דארט איבער געווארט אללע פאסאזירסקע פאיעזדען, האט ווידער זיין בייטעל

ערפיעלט

ערפיעלט און זיך צוואַנציג וואָרסט געשלעפּט קיין מזראַזיאָווקע צדיק.

כאָטש אַברהמ'עלע איז געווען, ווי אַלע ידען, פיל מיט אַרבעט, ניט צו האָבען אַרויגע מנוח, כאָטש אַלע בעלי עגלות האָבען איהם מקנא געווען זיין טריפהנע עגלה, דאָך האָט אַברהמ'עלע מיט זיך וועניג געשטאַלצירט, פון זיך גאָר נישט געהאַלטען, געווען ביי־זיך פּשוט'דיג אַראָפּ געפאַלען, מאָדנע ערנידערט ביי זיך זעלבסט אין די אויגען, דענן נאָך אַלע גליקען, איז ער דאָך פאָרט נישט מעהר ווי אַ ביטערער בעל עגלה, און וויא זאָלל עס אַנדעריש זיין? ווי געשיקט זיך עס, אַז אַברהמ'עלע זעלבער איז כל ימיו אונטער הענענס, אַברהמ'עלע'ס פאָטער איז אַ בעל עגלה מיט אַלע חן גריבעלאך מיט די גרויסע שטיעפעל און לאַנגען פעלץ, מיט זיין לאַנגען בייטש און מיט זיין שרייען „וויא, וויא!" ווי אַלע מזראַזיאַווקער בעלי עגלות, — זאָלל גאָר אַנדערס זיין פון זיי אַרויסקומען? אויף וויפיעל און פאַר וואס דאס האט זא געקרענקט אַברהמ'על'ען וועט אַרויס געזעהען ווערען אין די קומענדע קאַפּיטלאך. —

2.

אברהם'עלע איז קיין יחסן געוועזן אין דער בעל עגלה'שער וועלטעל, דענן ער איז ניט א בעל עגלה בן בעל עגלה, די בויד איז איהם ניט אנגעקומען בירושה, ניט נאר פיטעלדיג גרינג האט ער זיך די מסכת עגלה אויס געלערענט, דאס האט איהם טהייער, זעהר טהייער געקאסט...

אברהם'עלעס פאטער איז גאר קיין בעל עגלה געוועזן ואנדערען אפאדריארציק און דער פאר האט מען איהם גערופען ליבעלע פאדריאדציק, און אללע אין מוראוויאווקע האבען איהם גוט געקאנט טאקע דער פאר וואס מע האט געזאגט אויף איהם, אז ער שארט נאלד מיט לאפעטעס, און דער פאר וויל ער איז געוועזן צו געלאזט צו יעדערען, פראסט און גוט און האט מיט מוראוויאווקער ארעמע לייט, וועלכע זיינען זעהר פיעל, גרויסע טובות געטהון, בא אלע פריצים פון דער סביבה איז ליבעלע געוועזן די אויג פון קאפ, דער גאנצער בעל יחסן, און אפילו ביי דעם מוראוויאווקער אליין איז ער אויך גיאבט געוועזן. געלעבט האט ער פא גראפסקי, ניט ווי אללע מוראוויאווקער יודען, וועלכע קומען אפ זייער גאנצען לעבען מיט שהי פתי, מיט אבי וואס, ליבעלע האט ליעב געהאט עס זאלל זיין

חי-געלעבט אין מיטען מיטוואך איז ביי איהם אין הויז
געוועזן יום טוב'דיג, זיין זוהן אברהם'עלען האט ער אין
זיידענס געפיהרט, ס'האט איהם קיין פייגעל מילך געפעהלט.
פלוצים האט זיך די ראדעל איבער געדרעהט. ערגעץ ווייט
דארט אין מרחקים – אזוי האט מען אין מזראוויאווקע דער-
צעהלט, האט ליבעלע אנגענומען א פאדריאד ביים באהן,
עס איז איהם געגאנגען שלעכט, דערצו האט זיך דארט
אקאטאסטראפע געטראפען און ליבעלע האט דארט יונגער-
הייד נאט די נשמה אוועק געגעבען אום געריכט. זיינע
בעלי הבתים (אזא מענ'ש, נאטירליך, איז לייטען גענוג געלד
שולדיג געוועזן.) האבען פון זיין גוטס א תל געמאכט. זיין
פרוי איז דאנן שוואנגער געווען, און האט די צרות ניט
געקאנט פערטראגען האט אהן א צייט א קינד געבוירען,
און איז באלד מיט איהם צוזאמען צו איהר מאנן אוועק,
און אברהם'עלע, אכט יאהריגער יתום, איז געבליבען
לעבען אויף קהל'שען חשבון, ווי להבדיל דער שטאדט
צאפ, דער מסור און יעקעלע די פערשלעפטע קריינק.
פון קיין חדר, פון קיין ערציהונג האט ער שוין מעהר
ניט געוואוסט, איז אום געגאנגען נאקעט, בארפוס, איז
געווען הונגעריג, דארשטיג, קיינעם האט עס ניט געארט
דערפאר אבער האבען אללע געהאט מיט איהם צוטשון,
איהם געשלאגען, די אויערן געריסען, יעדערער האט

איהם

איהם איז געלאכט, פערהאסט, פערזאגט, און
וועה איז איהם געוועזען ווען ער האט זיך געשטעלט
פון עלענדען, פערשטאפטען נפש'ן מציל זיין, דער פאר
האט ער איז געוואכען זיין צארען אויף די אפגעהיטע
פאטענס קינדער, האט זיי מיט ווילדען צארען געשלאגען
געריסען, כאטש ער האט תמיד דערפאר נאר א מאוס'ן
פסק געכאפט, און נאך מעהר פון זיינע פערדיענסטען
בעצאהלט געווארען; דאגן האט ער א שטיקעל בעשיטצונג
געפונען צווישען די בעלי עגלות, וועלכע האבען איהם
צו גענומען פון רחמנות וועגען, ער האט פון זייערטוועגען
געטהון אלעס, וואס מע האט איהם נאר געהייסען,
געפאלגט דעם מינדעסטען, איז געוועזען גרייט אין פייער
און וואסער צו געהן מע זאל איהם נאר שיקען. דער
פאר האבען זיי איהם געגעבען א דירה ביי די בעלי אכסניות
וואו ער האט געטוכט טראגען האלץ בערינגען וואסער
און עסען וואס פון די אורחים בלייבט; דער פאר האבען
זיי איהם געשיינקט אפאר אלטע וואטאווע הויזען, א
פערשפאלטען קאפטעל, און א צעריסען פעלצעל; דער
פאר האבען זיי איהם געלעהרענט דעם בעל עגלה'שען לשון
געלעהרענט זינגען די בעלי עגלה'שע ליעדעלאך פון א בעל
תשובה, וואס איז צום רבי'ן געפאהרען, פון א נגיד וואס
מען האט געכאפט ביי איין עבירה, פון א חסיד וואס האט

בעקומען א מאזה'ן פבך, און דאס גלייבן. דער פאר האבען
זיי איהם געלערענט מיעקען, שמייכלען, ווי אללע היות און
און עופות, ווי א יונגע פריי געהט צו קינד, און דאס
גלייבען, און ווען ער האט געמאכט נים האבען ווי איהם
געשייטקט אקוזאבע (א גלעקעל בראנפען,) און א שטיקעל
קיילעך, און דער פאר, ווען ער איז שוין גראסער געווארען
האט מען איהם געלערענט, וידלען זיך און שלאגען זיך
פאר א פאבאשודער, רופען צו זיך, רייסען פאר די
פאלעס, פערנארען, זיין גוט און שלעכט, רופען יעדערען
ר' קרוב, ווען ער שטעהט נאך אין דרויסען און ווערען
צו איהם א זייך פרעמדער, דער לאנגען איהם די נאל אין
האנדז, ווען ער זיצט שוין אין בייד, אברהמ'עלע האט זיך
געלערענט געארבעט מיט אללע כלים, געזעהען חן
געפינען ביי בעלי עגלות אין די אויגען. זיי האבען איהם
מאכן ליעב געהאט, געמאכט איהם פאר א שמייסער
דאס הייסט א אים פאהרער איף פרעמדע פפערד.) און
ער, אברהמ'עלע, איז געווארען א בעל עגלה מיט
די ביינער.

— נו, אלייב קינד בלעבען איז אברהמ'עלע געווארען,
א — א! פאר וואס, דאכט זיך, קומט עס לייבעלען האבן
אזא זונעלע, ווער? איז איהם! ער איז געוועזען א ערליכער
יוד, א כשרה נשמה, און ער, אברהמ'עלע — א! פאר

וואס

וואס, דאכט זיך? פאר וואס? — זא גערעדט מיט
פארדרוס האבען די מזראוויאזקער בעלי בתים, קוקענדיג
אויף דעם ווילד פערדארבענעם אברהמ'עלען, און האבען
דערביי דערמאנט ליבעלען, וואס פאר א שאנער יוד ער
איז געווען, און פרעגען נאר ניט, אז ווען זיי וואלטען
ליבעלעס חברים פריהער דערמאנט, וואלטען זיי יעצט
ניט האבען וואס איהם צו בעדויערען.... יודען זייגען
חכמים בני חכמים האבען ליעב אויף דעם צווייטען
רחמנות צו לייגען, בעדויערען איהם, ווייסען, קרעכצען
אויף זיין אינגליק, אבער חלילה נאר ניט טהון איהם
צקוועטשען, איהם פון שלעכטע פערהיטען... מזראוויאזקער
יודען האבען ליבעלען בעדויערט, אברהמ'עלען
בעוואונדערט, ניט צו חזק'ן, אז איין פונק שלעכטס
איז אין שטאנד גאנצע איין געפלאנצטע וואלדער גוטס פער־
ברענען, אויס ראמען.

מזראוויאזקער יודען האבען געאייקעט, געאכצעט,
אברהמ'עלען אבער האט עס וועניג געארט, ער האט נאר
געהאוסט, אז ער איז פריי פון זיינע „בעלי טובות“, די
גוטע יודען, וועלכע האבען אויף איהם השגחה געגעבען,
פון „עולם הבא“ וועגען... ער האט נאר געוואוסט, אז ער
דארף צו קיינעם ניט אנקומען, און איז שוין מער ניט
נאקעט, ניט הונגעריג, זא האט זיך רוהיג, צופריעדען
אברהמ'עלע

אברהמ'עלע געלעבט, ביז די צייט האט איהם דער מאנט אז ער איז א שטיקעל בהמה, און אויף איהם לייענט אויך די שולד פון זיין דינען אונזער קייזער און פאטערלאנד.

3.

מיט פרייד איז אברהמ'עלע דינען אוועק. מען האט איהם אין קאזארמע אויס געלערנט, און דאס איז איהם לייכט געווען.

אין דינסט האט זיך פאר אברהמ'עלען א נייע וועלט אויף געעפענט, א וועלט, וואס איז ריין פון פאלשקייט פון שלעכטס, און דאס האט איהם ערקלערט ווי נידעריג, ווי פינסטער ס'איז יענע פערדארבענע וועלטעל, אין וועלכער, ער האט ביז יעצט געלעבט, און האט זיך אלזא מיט אלע כחות אין גאנצען אריבער געטראגען אין דער נייער וועלט, וויא ער האט אויך א טהייל, וואו ער איז אויך געאבט און געריבעט.

געאבט און געליעבט איז ער ביי נאטשאלסטווא געווען פאר זיין פלייסיג און ערנסט דינען, פאר זיין היטען און ריינען דאס פערדיל, די לעצטע ארבעט איז אברהמ'עלען שטארק געפעלען געווארען; דעם ערשטען מאל

אים

אים לעבען זעהט ער עס ווי בעפיטצט, ווי מעריינגט, ווי
מעהיט פפערד, ניט ווי יענע ביערנע פפערדלאך ביי די
יודישע בעלי עגלות, וועלכע קומען אפ זייער לעבען, ווי
זייערע בעלי בתים, נאר מיט שווערע ארבעט. ער האט
דא דער פיהלט דעם תענוג פון ארים געהן נאגן אינ ריין,
מיט איין ווארט כ'איז איהם אין דיענסט געווען גוט, נאר
היימיש, דער פאר אבער, ווען די צייט פון זיין דיענסט
האט זיך געענדיגט, האט ער אפגעקליבען עלענד דער-
פיהלט, ערשט דאן האט ער דער זעהען, ווי פרעמד ער
איז איך נאכמעס וועלט, דיען ווידער האט ער ניט געוואלט,
ס'האט איהם שוין עפעס צו דער פרייהייט געצויגען,
אונ פאר וואס זאלל ער איך די פרייהייט ניט געניסען?
וואהין אבער אונ צו וועמען זאלל ער זיך ווענדען? א,
ווי ניט גוט א עלענדען איז! דאך איז ער צוריק קיין
סוראוויאווקע געקומען, — צו וועמען? נאך וואס? נאר
די היימאטה, די געבורטליכע שטאדט האט אין זיך עפעס
אזא צויבערליכען, פערבארגענעם כח, וואס איז האבער
אונ שטארקער פון אללע אונזערע שאלות אונ מחשבות.
געסען זיך צוריק פאר דער פרעמדער עגלה, וועגען
וועלכער ערנידערט, פערהאכט אונ פערדארבען האט
שוין אברהמ'עלע ניט געקאנט, וואס אבער אנדערס קאנן
ער טהון? ער איז דער וויל אים געצאגען שלינג אונ

שלאנג

שלאנג, ווי א קבצן אין די ניין טאג, ווי א כלי־זמר אין ספירה אונ ווי א מלמד בין הזמנים.

נאכט, זאגט מען, שיקט צו דעם שפינער זיין ליין אונ דעם טרינקער זיין וויין, ער האט אויך אברהמ'עלען צו געשיקט, וואס ער האט זיך געוואונשען:

פרוצים אין א שענעם פריהלינגס טאג זיינען פון פיטער קיין מזראחאוויקע געקומען דריי סטודענטען, מיט דעם איש ווייד דא זיך א דאציע מאכען, אויף א ביסעל בעפרייען זיך פון די גרויס שטאדטישע איינגענים אונ שטיקעניס, פון איהר שטורעם אונ הארמידער, אונ רוהיג שטיל אטהמען דא פרישע לופט.

די מזראוויאזקער יודען וועלכע האבען דעם ערשטען מאלל דער זעהען די יודישע ניימאדישע יונגע לייט פון וועלכע מען האט זיך אן אין די שטאדטלעך פיעל וואונדערליכע מעשיות האבען זיך פאר זיי זעהר דער שראקען, אונ האבען זיי נאר ניט געקאנט גלויבען, — ווי געשיקט זיך עס מען זאלל אזוי פון פיטער אראב פאהרען אהער דא געזונד קלייבען? ווענינ געזונד איז דארט אין פיטער? צום רבי'ן, געדענקען זיי, האט מען אמאל אדאקטער פון פיטער אראפ געבראכט, כאטש דאס איז ווי מעדערצאהלט, ניט גאר גרינג אנגעקומען, דער פאר האט ער דעם חולה, וואס איז געווען מסוכן, לעבען

געלאזען

געלאזען , פשוט אגייע נשמה אריין געבלאזען . צמח דעם בלינדען, אז מען האט געמוזט מאכען אן אפעראציאן , האט מען איהם געמוזט שיקען קיין פיטער , כאטש דאס האט אפ געקאסט געגוג, אז נאך עד היום קאנען זיך די שמאדט ניט אויס צאהלען דער פאר, אונ אט פאהרען זיי פון פיטער, וואוהין? אהער קיין מזראוויאוועקע, וואו די שטענדיגע אין וואהגער, וועלבע ווייסען פון קיין פיטער צוזאגען, זיינען טאקי אללע בוטער-קראנק, וועהען אוים ווי טאדטע מענשען - נאר געלע הויט אונ דארע ביינער ניט דא קיין כחות די פיס צושלעפען, מען לעבט נאר מיט נאטטעס נסים, מיט וועלבע ער בעשידעט תמיד זיין ארעם פאלק ישראל, - אלא, וואס רעדן, זיי זיינען מרגלים, שפיאנען זיינען זיי טאקי, אויס וועהן די שאנד פון דער שטאדט זיינען זיי אהער געקומען, דער רבי פאר גרוים שרעק האט קיין אנדער ברירה געהאט, ווי אוועק פאהרען אין די באדער, מלמדים האבען אויך א מיטעל געפונען : זיך פער רוקט ווייט אין אוועק, וואו קיין אינ פון די מרגלים זאל זיי ניט קאנגען וועהען . די קראמער, אין אנוימה האבען געמוזט מבער זיין פון די קליטען אללעס , וואס נאר פסול . מארק יודען, דער וועהענדיג די דאזיגע לייט אין דרויסען , האבען פאר שרעק זייערע שטעקלאך פערלארען , זיך שנעל געבאפט פאר די היטלען - וואס זאל

מען

מֶען טְהוּן ? יוּדֶען זַיינֶען אִין גָלוּת . . .

דֶער פַאר אָבֶּער הָאבֶּען זִיךְ דִי דְאזִיגֶע לַייט פַאר מִזְרַאוְויאוּוְקֶע נָאר נִיט דֶער שְׁרָאקֶען , דִי נָאהֶענְטֶע וַואלְד , דִי פֶעלְדֶער , דֶער טַייכֶעל הָאט בַּיי זֵיי גְרָאדֶע חֵן גֶעפִינֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען דָא דֶעם גַאנְצֶען זוּמֶער פֶערְבְּרֵיינְגֶען . הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶעס הֵייז גֶעדוּנְגֶען , מִיט גֶעבְּרַאכְט אֵיינֶענֶע פְפֶערְד , עֶפֶּעס אֲזֶעלְכֶע מִינִי פְפֶערְד , וָואס מִזְרַאוְויאוּוְקֶע הָאט נָאךְ נִיט זוֹכֶה גֶעוֶועזֶען צוּ זֶעהֶען , וָאנַאר בַּיי'ם פְּרִיסְטַאוו , בַּיי'ם שְׁטָאדְט-פְּרִיץ אוּנ אֲפִילוּ בַּיי אִיהְם , אִיז אַזֶעלְכֶע פְפֶערְד נִיט דָא , אוּנ זֵיי הָאבֶּען אִין מִזְרַאוְויאוּוְקֶע דְרַיי מֶענְשֶׁען אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען , פְרֵיידֶעל מִיט אִיהְר מוּטֶער זֶעלְדֶען , דִי עֶרְשְׁטֶע , אַ אָרִים מֵיידֶעל , פַאר אַ וְוירְטְהֶען אִין הוֹיז , דִי צְווֵייטֶע פַאר אַ קָאכֶען , אוּנ אַבְרָהָם'עלֶען פַאר אַ דִינֶער צוּ זִיךְ אוּנ צוּ דִי פְפֶערְד .

אַיין אַנְדֶערֶער אוֹיף זַיין אָרְט , קָאנְן זַיין , וָואלְט מִיט אַזַא דִינְסְט אוּם צוּפְרִידֶען גֶעוֶועזֶען , אַבְרָהָם'עלֶע אָבֶּער הָאט זִיךְ הֶעכְסְט גְלִיקְלִיךְ גֶעפִיהְלְט , - עֶפֶּעס אַקְלֵיינִיגְקַייט ? עֶר אִיז פְרַיי פוּן דִינְסְט אוּנ פוּן דֶער וִויסְטֶער עֶגְלָה ; עֶר גֶעהְט אוּם אוֹיס גֶעצְווַאנְט , אוֹיס גֶעפּוּצְט , ווֵייס נִיט פוּן חִיטְץ , פוּן קָאלְט , ווֶערְט בֶּעהַאנְדֶעלְט אַדֶעל אוּנ פְרַיינְדְלִיךְ זַיין „אִיךְ" הָאט גֶעוַואקְסֶען פוּן טָאג צוּ טָאג , דִי ווֶעלְט הָאט אִין זַיינֶע אוֹיגֶען נָאר אַ-נ-אַנְדֶער חֵן גֶעפוּנֶען .

פאהרענדיג מיט זיינע פרינציפאלען און וואלד שפאציערען אדער אויף אהאטע. — האט ער זיך זא גליקליך געפילט, דאס די גאנצע וועלט, האט ער געמיינט, טאנצט קענען איהם אונ פרייט זיך מיט איהם. נאר ענדליך האט ער אנגעהייבען ליעב האבען אין הויז צוזיצען, די אורזאכע דערפון איז זיין שטארקער חשק צום לעהרנען זיך, דענן די סטודענטען האבען אנגעפאנגען לעהרנען איהם שרייבען לעזען אונ רעכנען, אונ זיינען פערוואונדערט געבליבען פון זיינע פיהיגקייטען, פון זיין מאכען גרויסע פארשריטע אין דער לערנונג. א, אברהם'עלע! ווער ווייס וואס פון דיר וואלט אויס געוואקסען, ווענן דו וואלסט זיך געלעהרענט אין דער יוגענד? נאר בעסער שפעטער איידער קיין מאל, זאגט ארוסישער שפריכווארט — אונ אברהם'עלע נאר מיט קינדערשע היטץ זיטצט ביי זיינע אוראקען, איז נאר ווייט פון אללעס, וואס ארום איהם, איז נאר אין זיין לעהרנונג פערטראגען; פלוצים ווערט ער אפ געשטעלט, זיין לעהרנונג ווערט צושטערט, זיינע געדאנקען שוועבען, ער פיהלט אבריהעניש, אקאבעניש אין הערצען, א צופעניש, א ציהעניש ביי דער נשמה, — וואס איז עס? וואס קאנן עס בעדייטען? די אורזאכע דערפון איז פריידעל מיט איהר דורך גאנג איבער'ן צימער, מיט איהר איינציגע בליק אויף איהם, בעדענעם, אברהם'עלע.

נעקאמט

נעקאנט האט ער פערברענגען מיט יענע גהינם'דיגע טאכטער, מיט זיי שפילען, לאכען, אבער מיט אזא ריינע נשמה, מיט אזא אדעל קינד, ווי פריידעל, האט ער נאך קיין מאהל די עהרע געהאט פריינדליך צו רעדען, און דער פאר, דער וועהענדיג זי, איז ער גאר שטום געבליבען, איהר איינציגער בליק אויף איהם מיט איהרע צוויי שווארצע אויגען, האט איהם ערנידערט, פערניכטעט אין גאנצען, — ווער איז ער קעגען איהר? און ווי אויף להכעיס דער מאנט. זיך איהם די אלטע פערגעסענע קינדער יאהרען, ווען זיינע עלטערען האבען געלעבט, דאמאלסט, — טראכט ער זיך, וואלט דאך פריידעל פון איהם זא זייט ניט געווען, ער וואלט נאך אפשר פון איהר בעסער געווען. — בעסער? ניין! קיין בעסערע פון איהר איז גאר ניט פערהאנדען, זי איז דאך א הימלישע וועזען, און זי קליין, א, ווי ניכטס איצונד איז ער קעגען איהר! און זא טראכטענדיג טריפפען זיינע אויגען, ווי נאך קיין מאהל אין זיין לעבען, ווארימע, זודיגע טרעהרען.

וועלכען מענשען שפיגעלט ניט די צייט א מאהל? וועלכען מענשען הייבט זי ניט אויף כאטש אויף איין מינוט אין לעבען אשטו ביז צום הימעל הויך? אויף אברהם'עלען האט די צייט אויך ניט פערגעסען, איהם איהר שפיגעל צו שיקען...

— א, טאכטער מײנע! — זאגט װעלדע טרויעריג — צו װעניג האבען לײט מיט אונז צו טהון, צו נאך װײניג בעלײדיגט מען אונז פאר אונזער זײן דא בײ די יונגע סטודענטען.

— װאס, מוטטער, מע בעלײדיגט אונז? — רײכט פרײדעל איבער די מוטטער׳ס רײד, — מען בעלײדיגט אונז יעצט דער פאר, װאס מיר האבען א שטיקעל ברוים צװאם! װער אבער, זאג, האט איף אונז רחמנות געהאט, װען מיר האבען געהונגערט, געליטען, געװאלגערט זיך אין די גאסען?

— דו, ליעבע טאכטער, ביסט א יתומה, דארפסט געדײנקען, אז פאר דיר, אך! איז גאר ניט דא װער זאהל א װארט אײנ רײדען, דארפסט דו זיך אלײן היטען פון לײטעשע צינגער, א, לײטעשע צינג! —

— א יתומה בין איך דערויף יעדער זאהל האבען רעכט מײן נאמען צו בעפלעקען, בעשמוצען? פאר װאס האט זיך קײנער דערמאנט, אז איך בין א װיכטע, א־נ־עלענדע יתומה, אין דער צײט, װען איך האב ברוים מאנגעל געליטען?

— װאס העלפט די טענות, טאכטער ליעבע? דו דארפסט זיך היטען פון לײטישע צינג. איך זאג עס דיר קענען דעם, קענע דײן איף פיהרונג מיט אברהמ׳עלען

זאג

וואג איך עס. דו דארפסט געדענקען, אז דו ביסט א מידיל, וואס דארף לייטען, אונ אברהם'עלע...

— וואס איז אברהם'עלע?! גלויב מיר, ליעבע מוטטער, אז אברהם'עלע איז אפך עהרליכער, ארטלער בעסער פון אללע ווידענס קינדער, וואס אין טראחיאזקע, ער איז אפך קלעגער אונ פרימער פון אללע ר' אברהם'נעס, וועלכע זיטצען אין מזרח ביים רבי'ן אין קלייזעל דארט. ניין, ליעבע מוטטער, אזעלכע מענשען, וואס זעהען נים, וואס וועללען נים זעהען, אזעלכע לייט, וואס קאנען נאר בעשילדיגען, בעלידיגען, פערשעמען, אזעלכע לייט וויל איך נאר נים קאנען! —

— א, ליעבע טאכטער! — האט איהם פריידעל'ס היטציגע רייד וועלדע עמיצאס ענטפערען געוואלט, נאר זי האט מעהר קיין ווארטער נעפונען, עס האט זיך איהר אויך דער מאנט איהרע מידעלישע יאהרען, איהרע זינדיגע מחשבות אונ געפיהלען פון אמאהל... ווער ווייס? אפשר דער פאר האט אויף איהר דער רעבענגער נאטט זיין צארען אויס געגאסען... ווי האנן זי אבער פון אזעלכע זינד פערהיטען איהר טאכטער, איהר איינציגעס קינד? צו ווענינ איז זי אויס געשטאנען ביז זי האט איהר טאכטער אויס געהאדעוועט? צרות אזעלכע, וואס קיין מוטטער ווייס עס נים, האט זי אריבער געטראגען, אונ יעצט, א! וואס

קאנן

קאנן זי איהר העלפען? וועה אונ ווינד איז דער ארעמער, עלענדע מיטמער!

אונ פריידעל פון איהר זייט ווערט איך פערזונקען אין שווערע, פינסטערע געדאנקען. צוויי מענשען שפיעלען זיך איבער אפ קעגען איהרע אויגען – אברהמ'על וואס דא, אונ אברהמ'עלע, וואס אין גאס. אברהמ'על, וואס דא, איז פערביטערט, פערצאגט אין עלענד, ווי קאנן מען אויף איהם קיין תקנות האבען? אברהמ'על, וואס דא איז אזוי גוט, עהרליך, אזוי אים בעשיצט, ריין, ווי קאנן מען וואלען אבעשערען צו נעפינען? אברהמ'על, וואס דא, איז ווייך ווי א טייג, איז פול מיט פלאמענדע, הייליגע נעפיהלען, ווי קאנן מען איהם נים ליעבען? דער פאר אבער אברהמ'עלע וואס אין גאס, וואס דארט אין דרויסען איז א פשוט'ער בעל עגלה, אגראבער יונג, ערנידעריגט, פערמאוסט; איז א אויסוואורף, אומגעניבטין, איז פייהיג צו אלץ וואגאר צו גנבה, צו גזלה, אונ ווער ווייס וועלכער איז דער אמת'ער?! א, נאטש, עס שיידערט, ס'איז שרעקליך וועהר שרעקליך.

זי וואלט וועלען איהר מיטמער פאלגען. ווער ווייס אפשר טאקי א דבוק, א קליפה האט זי פערנארט, פערפיהרט! ווער ווייס? אפשר איז זי טאקי אזוי זינדיג אז יעדערער האט זיין רעכט זי פערהאסען, בעשפאטען, –

נאר

נאר א טייט נאכן טויט איז זי שוין פערקראכען, דאנן זי
נאר ווען זי דער זעהט אברהמ'עלען ווערען אלע איהרע
פינסטערע מחשבות און ביטערע מאלות פערשוואונדען,
פערקראכען, נים אין שטאנד איז דאנן איהר שוואכער
שכל, די שטורמישע געפיהלען מנצח זיין... ווען
אברהמ'עלע אבער איז פון איהר אוועק געגאנגען איז די
דאנן טרויעריגע געווארען ווידער. זי האט געפיהלט
עפעס א פוסטעניש אין הערצען, אויסטענעס ארום איהר
אומעטום. זי איז געווען פערדולט, דאס פנים האט
געפלאמט פון אברהמ'עלעס קושען, אין די אויהרען
האבען נאך געקלונגען זיינע רייד. איז זי רעגן נים גליקליך?
נאר גיין! נים דא קיין גליק פאר דעם עלענדען, וואס זיין
תענוג, זיין פרייהייט איז פאר איהם א ווינד אמוועטרע
ווינד... אלע פאריגע ביטערע מחשבות ערוועקען זיך
ווידער, ווי דערקאנגע ז, אז איהר וואונש קאנן נים
בעצוועקט ווערען, און וואס וועט די ענדע זיין? וועט ער
זי רעגן נים אבריין נארפען אין טייך? ווערען רעגן נים
געשעהען א זעלבעס? נאר וואס וועט זי שוין דאנן אנהערען
דאך עפעס שרעקליך שוידערליך ווערט איהר, און סים
שפילע וודינע טרעהרען זינגט זי דאס בעוואוסטע אין
גאנץ מזראוויזאווקע רוסישע ליעד'ל:

פון דער צייט אן, וואס איך האב דיר דער קאנט,
האט א העליש פייער מיך פערברענט;
מיין פרייהייט האב איך דאן פערלארען,
דיין דינסט בין איך שוין דאן געווארען.

פון דער צייט, וואס איך האב דיך דער קאנט,
האבען דיינע בליקען מיך פערבלענט;
מיין לעבען האט שוין דאן זיין חן פערלארען,
אלעס פערגעסען איז ביי מיר געווארען.

פערגעסען האב איך, אז אונז איז ניט בעשערט,
ניט בעשערט מיר זאלען זיין באנאנד,
דען צווישען אונז ביידען, א מיין לעבען,
שטעהט א שרעקליך, מורא׳דיגע וואנט.

א שרעקליכע וואנט, — דו אליין ווייסט,
אז ליעבען דיך איז מיר פערבאטען,
נאר פאר מיין ליעבע וואללט איך וואללען;
כאטש פריינדשאפט איטצט ביי דיר צו בעטען.

דער פאר אבער אברהמ׳עלע, אוועק געהענגדיג פון פריידלען, האט ער זיך גליקליך געפיהלט. פריידעלס ליעבע האט פריי בעוועגט זיין הערץ, אין זינגען האבען זיך געריעבט

געוועבט העלע, ליכטיגע פאנטאזיעס פון אַנייעם לעבען פון אַנייעם גליק. נאר ניט צו מיליאנען, צו שטורעם און פוטין האט אברהמ׳עלע געטראכט, געוואונשען האט ער זיך אַ רוהיג שטילען לעבען צוזאמען מיט זיין פריידלען דענן אברהמ׳עלעס אויגען האבען געזעהען דעם פקארבאורען אמת, פון חעלקען פיעל גראסערע פערבארגענע זייערע בליקען...

4.

ווי אַ אויגען-בליק, ווי אַחלום איז די גליקליכע צייט פערשוואונדען געוואָרען. געענדיגט האט זיך דער זאמער געענדיגט האט זיך מיט איהם אברהמ׳עלעס גליק, זיין יוגענד זיין פרייהייט איף אייביג, איף אייביג.

געענדיגט האט זיך דער זאמער, די סטודענטען זיינען אפ געפאהרען צוריק קיין פיטער. זעלדען האט, צו איהר פרייד, געוואלטען פון איהר טאכטער דעם דיבוק ארויס צוטרייבען, זי האט איהר טאכטער חתונה געמאכט ווי נאטס האט געבאטען... פריידלען האבען פיעל יודישע טאכטער מקנא געווען איהר גליק, פרומע ווייבער האבען זיך געדרעהט, געהאצקעט — ס׳איז דאך אַ מצוה, אַ יתומה צו געבען... זא האט פריידעל חתונה געהאט, און אברהמ׳עלע...

אברהמ'עלע?! א, אונגליקליכער בעטנער אברהמ'עלע! — די סטודענטען האבען איהם אפילו צו געזאגט שיקען נאך איהם ער ואלל צו זיי קומען, קיין פיטער, זיי האבען אבער זייער ווארט ניט ערפילט, — די צייט האט פיל געענדערט: איינער האט זיין גליבען פערביטען; דער צווייטער איז קיין אויסלאנד אפ געפאהרען און דער דריטער א, דער בעסטער! — האט זיך גאר דער שאסען, און אברהמ'עלע איז ווידער געבליבען שטייען אין שווארצען שטדטישען ים עלענדערהייט אהן א זעגעל, אהן א רודער, וואוהין זאלל ער זיך יעטצט קעהרען, צו וועמען צו וואס זאלל ער זיך איטצט ווענדען? נאר דאס קאנן שוין יעטצט אברהמ'עלען ניט פערדריסען, הכלל איז ער געוואהרען פיי זיך: דאס גאנצע לעבען איז איהם שוין ניט נייא. עס פערדריסט איהם גאר איין פרייגעל, וועלכע ער קאנן גאר ניט פערגעסען, דענן פאן אזעלכע געפיהלען — זאגט ביירא(ן) — וואס זאגאר די צייט איז ניט אין שטאנד אויסקיהלען, פערפרידרען און פערשטיינען, און כאטש יאהרען, לאנגע יאהרע, זיינען פון דאמאלסט שוין געשוואומען, דאך נאך אלץ פרישע, נידער געשלאגען איז ער.

ניט קיין שפייסער איז ער שוין היינט, ער האט שוין א שאן ביידעל און א איינעגע פאר פפערדלאך, וועלכע פירען דיין אום געוואטען, אום געפוצט (דאס איז ביי איהם

נעבליבען

געבליבען אבער פון פריערדיגע צייטען) . אלע האבען איהם
ליעב, פאהרען נאר מיט איהם, אונ ער איז געוואָרען א בעל
עגלה מיט די בייגער, נאר זעהר דרה שהורה'דיג. ווען,
פאהרענדיג מיט איהם, האט מען ביי איהם געפרעגט:
נואלד, אברהם'עלע, וואו איז דיינע געלד? פאר וואס
האסט דו קיין הנהגה? ביז ווי לאנג וועסט דו זיצען
אבחור?" פלעגט ער אנטפערען "וויא, וויא! ווייטער
אהין, פיינע סוסים'לאך, ניהער, ניהער, וויא, וויא!"
אונ דער נייגעריגער פרעגער האט געמאכט זיין פראגע
הונדערט מאהל איבער פראגען, האט ער אלין נאר דעם
זעלבען אנטפער בעקומען. ווען אבער איינער פון זיינע
בעקאנטע האבען די זעלבע געפרעגט: — וואס קומט ארויס
פון די פראגעניש[illegible] או איך זיטץ אבחור ווען, בלעבען,
מאכט עס אויס? קום בעסער נוטער ברודער, מיר וועלען
געהען אקורנאסע אונ זאגען "לחיים", וואס מאכט עס
אויס? מעדארף נאר בראנפען טרינקען... דער פאר
האבען זיינע בעקאנטע געזאגט אויף איהם, או ער וואלט
זיין געהאט "סמין קרח" ווען ער וואלט ניט האלטען פון
טרינק, אונ זיין טרינקען האט איהם מיט געבראכט דער צו
ער זאל פערפוילט ווערען אבחור ביז אין קבר אריין... —

יא, אברהם'עלע האט אנגעהויבען בראנפען
טרינקען, דער צו האבען איהם געבראכט די צוויי
פאסאשורען

פאפאשזירען, וועלכע האבען מיט איהם ניט געהאלט פאהרען. ס׳איז אין פלהק נאר חאונערליך, מען זאל מיט אברהם׳עלען ניט וואלען פאהרען, וועדליג אלע זכען נאר איהם, דאך איז עס גאנץ נאטירליך: די צווייטע פאפאשזירען איז – פריידעל מיט איהר מאגן. –

אברהם׳עלע האט צו זיי ניט געקאנט צו גיין, ער האט נאר פון דער ווייטענס פריידעל׳ס מאגן בעטראכט – ער איז אהגיאק מיט׳ן יודישען חן, איז העכליך דאר, ליידעט פון מידען, הוסטענים און פון נאך פיעל פערשיעדענע הנאות׳ען, דער פאר אבער איז ער אחד א בעל הבית׳ל, איז אטאטענס אזוהן און א רבי׳ס א חסיד, פריידעל האט אין זיינע אויגען אויס געזעהן ווי א-נ-אפ געריסענע צווייגעלעקטע בליט, איז אויך מהיערינ, פערשוואנדען די ראזע פון איהרע וואנגען, אפ געשמארבען איהר לעבעדיגער, פרייהער שמייכעל, שיין ניט די וועקבע פריידעל, נאר ניט די, וואס געווען, לאנג קוקען אויף איהר האט אברהם׳עלע ניט געקאנט, זיינע אויגען האבען שוין געהאבט א גריס, אברהם׳עלע און פריידעל!... א, אוי ווי שוואך ס׳איז דעם יודענס כח אויף פערשאפען זיך תענוג און גליק, ווי גרויס אבער עס איז אויף ליידען און פערטראגען!...

און פריידעל, דער וועהענדיג אברהם׳עלען אין אלטע

קיידער

קליידער, אין גרויסע שטיעפעל, מיט זיין בייטשעל געבען
די פפערדלאך נאר בעל עגלה'דיג, האט זי זיך ערהוייטערט;
בעהאלטען פון איהם, — עס קאנן זיין, אז קוקענדיג אויף
אברהם'על'ען, האט זי אין הערצען בעדאנקט איהר
מוטטער, וואס האט זי גערעטעט פון די פערפיהרעניש,
פון די נארישע פערליבענעש, וועלכע ס'איז ניט מעהר,
ווי א-נ-איינדרומלעניש, א-נ-איינשמושעניש, אונ נאר
נישט! אדער איהר הערץ, קאנן זיין, איז פול געווארען
מיט צארען, ווי מיט שלאנגען, בייזע פראגעס: וואס איז
זיי, דאכט זיך, דער פון ארוים געקומען, אז זיי האבען
צוויי בלומען אם געריעסען ביידע וואלען אייביג וועלקען,
פוילען!? עס קאנן זיין, אז קוקענדיג אויף אברהם'על'ען,
האט זי זיך די שאלה געמאכט: אט דאס, אברהם'עלע,
איז אלע דיינע האפפענונג אויף דער צוקונפט? דער פאר
האסט דו, אברהם'עלע, אמאהל געוואלט די צייט וואהל
שנעללער אריבער פליהען, כדי דו זאלסט וואס גיכער דאס
דער לעבען!? איידער זי האט זיך די פראגע געפראגט:
ביז ווי לאנג נאך וועלען מענשען זיינען פערנארט אונ ניט
פערשטעהן, אז מיט געלד, מיט יחוס איז מען נאך ניט
גליקליך!? ביז ווי לאנג נאך וועלען זיי ניט פיהלען, אז
אונטער וועגענס, דא אין אברהם'עלעס בייד'על, קאנן
מען אויך גליקליך זיין!? אונ אפשר דער פאר מאכי איז

אודר

זעהר שווער געווען. אין איהר זיך איצונד אריין געבעטען.
זי האט מיט אברהמ'עלען ניט געוואלט פאהרען, נאר,
שלעכט! אין בריה, רעדן, מעשה קטן, איז קיין
אנדערע פאהרלאך געווען.

זי האט זיך פער רוקט טיעף אין בויד, זיך שטארק
ארום געהילט מיט א גרויסע טוך, קלאפפערשט איהר איז
קאלט, געבען איהר איז געווען איהר מאגן, וועלכער
האט ערפילט די בויד מיט הוסטעניש, מיט אייכענעש
פון חעהמאג, אדער אזוי זיך שוין פון תגלות,
אברהמ'עלע אבער פערגרוים וועהטאג איז זי שטום
געזעסען נעבען די פערדלאך.

א בעל עגלה, זאגט מען, שטעלט זיך פאר, אז די
גאנצע וועלט איז ווי א בויד, און באמת ווי זיין בידעל,
האט אויש געזעהן דאגן אברהמ'עלען די וועלט, וועלכע
ווי זיין בידעל פליהט, און טראגט אייך זיך פיעל פער-
מיטעלטע, פערוויקעלטע נשמות... און וואס ער האט דאגן
געפיהלט, וועלט נאך ער חלום דייטליך ארויס גערעדט מיט
זיין בראנפען טרינקען, מיט זיין תמיד טרויעריג זיין.
פערטרויערט, ווי זיין שטיינער פון דאגן, שטעהט ער
אויף'ן באנהאף, דארט אין שאנעווין, איז פערטראכט, אז
ער בעמערקט נאר ניט ווי דער צוג איז אנגעקומען,
האט אויש געפייפט און פערשוואונדען געוואהרען. ווער

אבער

אבער היינט ווייטער שווערע פּאַיאַדען האָבען דאַגען אין דין הענען אייט געפּייפט און זיי אַזיך פערשוואונדען געוואָרען!

צווישען די בעלי עגלות איז שוין קריגע, רעכענים און געשלאָג, דער האַפּט די פּאַקלאַך, דער שלעפּט די מענשען ב'הערים אַ שמייכענים, אַ געבעט, אַ שוואַרענים, אַ שעלטענים, אַ געפּילדער, נאָר די פּאַסאַזשירען שרייען, די האַבען – מעגה'ן זיי – איינס זיך אַליין אויך אַ שטיקעל דעה, און זיי ווילען מיט קיינעם ניט פאָהרען, נאָר מיט אברהם'עלען. דאָגען כאַפּט זיך אברהם'עלע אויף, ווי פון שלאָף, געהט צו שטילל צו די נאַסט, רעדט מיט זיי נאָגין אַדיעל, אָהן חניפות און אָהן שעלטעניש.

די גאַנצע האַפּטע בעלי עגלות בעפאַלען איהם, ווי די היישעריקען, נאָר עס העלפט גאָר ניט, דען לאַנג קריגען זיך מיט איהם קאָן מען אויך ניט, ער איז פאָרט אַ ייד בירדער און מיט זיין פעדיענסט רעכענט ער זיך קיין מאָל אויס. זאָלל ער האַלטען פאַר די האָרנער, – טראַכטען די בעלי עגלות, – אַבי מיר ווילען מעלקען, און אַזוי גיעבען זיי אָפּ די פערהאַפּטע פעקלאַך צוריק.

אברהם'עלע ערפּיילט זיין בידעל, זעטצט זיך אַ וועק, גיעבט אַ ציה די לייצעס; אַ מאָך מיט'ן לאַנגען בייטשעל, און הייַדאַ! אין ווייטען וועג אַרײַן. די פפערדלאַך, ווי אַדלערע פליהען

פליהען, -די פאסאזשירען אין בויד מאכען זיך אשמועס, איינער דרעמלען זיך יעדערער באזונדער, און אברהמ'עלע פערטראכט זיך מיט'ן ה'ניג, קוקט אריין אין הייטען טיפען הימעל, עס דאכט זיך איהם א מאלל, אז כאטש זי, די לבנה, וויא א צארטע מוטטער, קוקט אויף איהם מיט רחמנות'דיגע אויגען, זי קוקט אריין טיעף, טיעף אין זיין זעעלע, אזוי עס ווילט זיך שוין איהם אויש וויינען זיך, אויש טענה'ען זיך כאטש פאר איהר. די שטערען – זעהט ער דאגן – סוד'ען זיך דארט, ווי זיי זאגען זיך: קאכט נאמיר כאטש זיין פינשטערען וועג בעלייכטען, בעשטראלען... אויך הערצען ווערט איהם לייכטער, גרינגער; א מאלל, אין געגענטהייל, זעהט ער, ווי אויך זי, די לבנה, שפיעלט מיט איהם אויף להכעים, ער וויל כאטש איין בליק געבען אויף איהר, און זי, ווי אויף לאפעניש, כאטש ווער צו זעטצט, בעהאלט זיך פון איהם, בעסער פערבארגען זיך אין דער פינשטערניס, וויעדער קוקען אויף איהם, עלענדען, פערצאגטען... און אמאל, נאך ארגער, זעהט ער, ווי זי, די קאלטע, שטומע לבנה, איז צו איהם קאלט, זי שפאצירט זיך דארט מיט איהרע שטערען און וואס פאר א עסק קאנגען זיי האבען מיט איהם, קליין מענשעלע?... עס ווערט איהם טרויעריג, זעהר טרויעריג ער ווערט ערגידערט, ער פיהלט זיך עלענד, און ווי

א חלום

שווער די עלענד איז איהם, נאר ניט איבערטראגליך,
ראנן מיט פיעל ביטערניס זינגט ער שטיל פאלגענדעס ליעד:

ווער האט געבראכט ביים צייטען די נשמה?
ווער ווייס וואס דארט איז פערבארגען?
וועמען, אך! בעוואוסט איז יענעמס געפיהלען?
פיהלען ווער קאן יענעמס זארגען?

א חלום א זיסען האב איך געזעהן,
האב בלומען אין גארטען געקליבען, —
נאך איז מיין חלום פערשוואונדען געווארען,
און טרעהרען נאר איז מיר פערבליבען...

ס'איז קיינער אין שטאנד מיין וויינען אין שטילען,
מיין זארגע האט זיך שוין פערבארגען, —
אך! וועמען בעוואוסט איז יענעמס געפיהלען?
פיהלען ווער קאן יענעמס זארגען?! —

שווער ביטער צוזאגען צו דאס ליעד'ל האט אברהמ'עלע געהערט (בעלי עגלות בכלל האבען ליעב זיך שטיל אונטער זינגען). און ווייל עס איז פונקט גלייך אן איהם זינגט ער עס שטענדיג, אדער מאכט ער אליין מיט זיין בעל עגלה'שע קאפ, האט עס איהם געטראכט, נאר

דאס

דאס איז אויך קיין חידוש, — אַ הערץ וואס יעדער, און
דעם מענשענס הערץ איז צייטענס אַ בענייסטעסטער פּאטעם
און באמת מען קאן נים צו קוקען זיך צו איהם, ווי זיין
יעדער ציה פון די לייצעס איז אַ הערצרייסענדער זיפץ פון
אַ מיהאשדיגע מענשען, מען וועט דאנן הערען ווי זיין
ביטעל זינגט אויך אַ גאנצע קינה־ליעד אויף אַ אייביגען
חורבן, אַקלאג פון טיעפען נשמה אויף אזא גליק, וואס וועט
זיך שוין צוריק ניט אום קעהרען. און זיין יעדער אויש
געשריית: וויא, וויא! הערט זיך „אַ איכה יועם הזהב״?
א, בידנער, עלענדער אברהם׳עלע, וויפיעל אזעלכע ווי דו
וואלגערען זיך, פוילען אין דער פינסטערער בעל עגלישער
וועלטעל, עס ווייס פון זיי ניט קיינער, קיינער וויל
זיי ניט באטראכטען!...

ענדע.